NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11651

DER HELDISHER HOZ

D. N. (Dmitrii Narkisovich) Mamin-

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

2238.b

№ 11.

פערלאג בלימעלאך

ד. מאַמין־סיביריאַק

דער

העלדישער האָז

איבערזעצט ה. ה.

ד. מאַמין־סיביריאַק,

דער העלדישער האָז.

איבערזעצט ה. ר.

דרוקעריי פון ראט פון ארבייטער־דעפוטאטען, אדעסא.



דער העלדישער האָז.

אַ האָז איז געבוירען געוואָרען אין וואַלד און האָט זיך פאַר אלץ געשראָקען. ברעכט זיך אָפּ אַ צווייַגל, פליהט דורך אַ פויגל, פאַלט אַראָפּ פון בוים אַ שטיק שניי — ווערט דער האָז דערשראָקען אף טויט.

געשראָקען זיך אַ טאָג, צוויי, אַ וואָך, אַ יאָר, דער האָז איז געוואָרען אַ גרויסער, — און מיט אַמאָל איז אים נמאס געוואָרען זיך צו שרעקען.

—איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא ניט!—האָט ער אויסגעשריגען אפ'ן גאַנצען וואַלד—אפילו קיין קאָפּ קיין מורא ניט— און גאָר!

עס האָבען זיך צונויפגענומען אַלטע האָזען, זיך צו־נויפגעלאָפען קליינינקע העזעלאַך, געבראַכט צו שלעפּען אַלטעטשקע העזעכעס—אַלע הערען, ווי עס באַרימט זיך דער האָז „לאַנגע אויערען, ־קרומע אויגען, ־ קורצער עק" (אַזוי האָט מען אים גערופען) — זיי הערען און גלויבען ניט זייערע אויערען. ס'איז נאָך אַזעלכעס ניט געהערט געוואָרען — אַ האָז זאָל זיך פאַר קיינעם ניט שרעקען?

—הער דו, קרומע אויגען, האָסט ניט מורא פאַר קײן וואָלף?

— איך האב ניט מורא פאר קיין וואלף, פאר קיין פוקס, פאר קיין בער, פאר קיינעם האב איך קיין מורא ניט.

דאס איז שוין גאר געווען א געלעכטער. ס׳האבן גע־לאכט די יונגע העזעלאך, צורעקענדיג די מײלעכלאך מיט די פעדערשטע פיסעלאך, ס׳האבן געלאכט די גוטע אלטע העזעכעס, און אפילו די אלטע האזען, וואס זענען שוין גע־ווען אין די לאפעס פון די פוקסען און פארזוכט די ציין פון וועלף, האבן אויך געשמייכעלט:

— אך וואס פאר א לעכערלאכער האז דאס איז, ס׳איז טאקע א געלעכטער!..

און אלעמען איז מיט אמאל געווארען פרײלאך, זײ האבן אנגעהויבן שטופען, שפרינגען, איבעריאגען אײ־נער דעם צווײטען, גלײך זײ זענען פון זינען אראפ.

— וואס האט מען דא לאנג צו רעדען! — האט איינ־געשריגען דער העלדישער האז, — ווען מיר טרעפט זיך א וואלף — נעם איך און עס אים אויף איינער אליין.

— אך וואס פאר א לעכערלאכער האז דאס איז! וואס פאר א נארישער!

אלע הערען, ווי ער רעדט נארישקייטען, אונאלע לאכען. די האזען שרייען און ריידען פונם וואלף—און אט איז ער טאקע דא!

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער דעם וואַלד צוליב זיי־
נע וועלפישע געשעפטען, האט זיך אויסגעהונגערט און האָט
אַ קלער געטאָן: ס'וואָלט גאָר ניט שלעכט געווען פאַרבײַ־
סען מיט אַן העזעלע! פּלוצים דערהערט ער, ווי האָזען
שרײַען דאָ גאָר נאָהענט, און דערמאָנען זײַן נאָמען.

האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ ציה געטאָן מיט דער
נאָז די לופט פון אַרום און זיך אָנגעהויבען אונטערצו־
גנבֿענען.

דער וואָלף האָט זיך אונטערגערוקט שוין גאָר נאָהענט
צו די שטיפּעדיגע האָזען און הערט, ווי זיי לאַכען אים
אוים, און מער פאַר אַלעמען—דער באַרימער, דער האָז
„קרומע אויגען־לאַנגע אויערען־קורצער עק".

— ע — טראַכט דער וואָלף — וואַרט אַביסל, דיך באַ־
רימער וועל איך טאַקע אויפעסען. — און האָט אָנגעהויבען
זיך צוקוקען, וועלכער פון די האָזען באַרימט זיך עם מיט זײַן
העלדישקײַט.

און די האָזען באַמערקען גאָר נים און שפּילען זיך
נאָך פרײַלאַכער, ווי פריהער. צום סוף איז דער באַרימער
אַרויפגעשפרונגען אַף אַ קלעצל, זיך צוגעזעצט אַף די הינ־
טערשטע פיסלאך און אַ זאָג געטאָן: „הערט נאָר איר שרע־

קעדיגע! הערט און קוקט אף מיר! איך וועל אייך באלד באווייזן א שטיקל... איך... איך"...

דא איז די צינג ביי דעם בארימער צוגעפרוירען געווארען: דער האז האט דערזעהן דעם וואלף, ווי ער קוקט אף אים.

די איבעריגע האזען האבען נים באמערקט, נאר ער אליין האט געזעהן און האט געציטערט אן אטעם צו טון.

ווײַטער האָט זיך געטראָפֿען גאָר אַן אונגעוועהנלאַכע זאַך...

דער באַרימער האָט אַ שפּרונג געטאָן אין דער לופֿ־טען און פֿון שרעק איז ער אַרויפֿגעפֿאַלען דעם וואָלף אף זײַן ברייטען שטערען, האָט זיך, ווי אַ קנויל, דורכגעקײַקעלט איבער דעם וואָלפס פּלייצע, האָט זיך נאָך אַ מאָל איבער־געקערט אין דער הויך—און גענומען לויפֿען מיט אַזאַ אימ־פּעט, פּונקט ווי ער וואָלט וועלען אַרויסשפּרינגען פֿון זײַן אייגענער פעל.



דער אונגליקלאַכער האָז איז אַזוי געלאָפֿען און געלאָ־פֿען, ביז ער האָט זיך איננאַנצען אַרויסגעשלאָגען פֿון די בחות.

אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז דער וואָלף יאָגט זיך נאָך אים נאָך און אָט, אָט כאַפּט ער אים מיט זיינע שאַרפע ציין. צום סוף איז ער אָן כחות געבליבען און מיט פאַרמאַכטע אויגען במעט ווי טויט, אונטער אַ בוים אַנידערגעפאַלען.

דער וואָלף איז אין דער זעלבער צײַט געלאָפֿען גאָר אין אַן אַנדער זײַט: ווען דער האָז איז אַף אים אַרויפֿגעפֿאַלען, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עס האָט אים געטראָפֿען אַ קויל פֿון אַ ביקס, און ער איז אַנטלאָפֿען.

דערבײַ האָט ער געקלערט: קאַרג אַנדערע האָזען אין וואַלד? דער איז עפּעס גאָר אַ משוגענער.

לאַנג האָבען די איבעריגע האָזען ניט געקאָנט קומען צו זיך: ווער ס'איז אַנטלאָפֿען געוואָרען, ווער ס'האָט זיך באַהאַלטען צווישען די ביימער, ווער ס'האָט זיך פֿאַררוקט אין אַ גריבל.

ענדלאַך איז זיי נמאס געוואָרען צו באַהאַלטען זיך, און זיי האָבען אָנגעהויבען ביסלאַכווײַז אַרויסצוקריכען פֿון זייערע לעכער.

—נו, האָט ער אָנגעשראָקען דעם וואָלף–אונזער האָז!– האָבען אַלע באַשטימט.— ווען ניט ער וואָלטען מיר קיין לעבעדיגע ניט אַרויס פֿון זײַנע ציין!.. וואו איז ער אָבער, אונזער העלד?

מ'האָט אים אָנגעהויבען זוכען.

מע איז געגאַנגען, געזוכט,—ניטאָ אין ערגעץ דער העלדישער האָז: צי האָט אים ניט אויפֿגעגעסען אַן אַנדער וואָלף?

ענדלאך האָט מען אים געפונען: ער איז געליגע אין אַ גרוב אונטער אַ בוים, קוים קוים אַ לעבעדיגער פון שרעק.

—העלדישער בחור! —האָבען אַלע האָזען אין איין קול אויסגעשריגען. — אָט אַ מויק! האָסט אים פיין אָנגעשראָקען דעם אַלטען וואָלף. אַ דאַנק ברודער! און מיר האָבען אַלץ געקלערט, אַז דו ביסט נאָר אַ באַרימער".

דער העלדישער האָז איז מיט אַ מאָל ביי זיך שטאַרק געוואָרען, אַרויסגעקראָכען פון זיין גריבל, זיך אָבגעטרעסעלט, האָט פאַרגלאַנצט די אויגען און אַ זאָג געטאָן:

אַזוי גאָר, האָט איר געקלערט? ע, איר שרעקעדיגע!...

און פון דעמאָלט אָן האָט דער העלדישער האָז אָנגעהויבען אַליין צו גלויבען, אַז ער האָט אין דער אֶמת'ן ניט קיין מורא ניט פאַר קיינעם אין דער וועלט.

עס ווערט צוגעגרייט צום דרוק:

י. ביש (איבערז. ע. קארמאן) א) דער שטארק און דאס פרעשעלע, ב) די גראמענע יאגד, ג) דער מיק אין די קארליקלאך ד) דאס פערד און די מאלפעס (איבערז. דער טינקעלער). ה) א פירים־בער (פיעסע), טייטש משה—ו) די יאנגעדערליבע נביעה ז) דער גראף און די אי־דען ח) צים בדר ביי די אניטים — משארני ה.—ט) די פארפשיפטע קרעטשמע און ביבריאק יא) די קאזאייקע. יב) דער קאמאר און דער בער—דער פעטער אלי (באארב. י. רובין).—רייזען שרה) – דער בער און דעם ישיבניקס טעטער יג) דער האן און דאס קעלבל.

פערלאַג בלימעלאך.

ס'איז ערשינען:

1) מענדעלע מוכר ספרים — העכטעלע . . . 4 קאָפּ.

2) יהודה שטיינבערג — די שטאָט „שווער נישט" . . . 6 „

3) „ „ — דער מאָלער . . . 9 „

4) „ „ — בידערל און שוועסטערל . . . 12 „

5) ב. שאַפּיר — א קליין מענטשעלע . . . [illegible] „

6) ד. ב. ספּאַליאַר — דריי פּרינצען . . . 8 „

7) מאַקס נאָרדוי — די קליינע שוועסטער . . . 8 „

8) י. דובין — דער קאַפּ[illegible] . . . [illegible] „

9) די קאַרליקלאַך און דער צויבערער [illegible], דער שטעקעלע, אידישע . . . [illegible] „

10) אברהם רייזען — די נייע לאַמפּ . . . [illegible] „

פּרייז 8 קאָפּ.

הויפּט־פערקויף ביי:

Издательство „МОРІЯ“. Одесса. Базарная 23.

אדרעס פון פערלאַג „בלימעלאַך“:

Одесса, Разумовская 13. А. Б. ФРИДУ.